בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

חיי שרה
כ"ב חשון תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:01 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:54 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:03 | סוז"ת א' 9:10 |
| סוזק"ש ב' 8:47 | סוז"ת ב' 9:40 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ק"י
שנה ג'

## טיב הפרשה

# די אמונה פון די הייליגע אבות

## ואברהם זקן בא בימים

ווען מען לערנט די פרשה'ס איבער דאס לעבן פון די אבות הק' באקענט מען זיך מיט די לעכטיגע און געהויבענער לעבן וואס זיי האבן געפראוועט און זייערע עבודה'ס און אויסגעארבעטקייט אין עבודת ה'.

אויבנאויף זענען די פרשה'ס אן ערציילונג, אבער די לימודים וואס מען לערנט ארויס פון איר איז זייער שטארק און באַרייכערט אונזער לעבן אויף א דעהויבענער וועג.

די נושאים וואס מען קען ארומרעדן זענען גרעניצלאז אבער לאמיר זיך באציען אויף די נושא פון אמונה און דער לימוד וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון איר.

די נושא פון אמונה איז א ברייטע פעלד, אבער פון די שטערקסטע נקודה'ס וואס שטארצן ארויס ביי אברהם אבינו איז די שטארקע צוטרוי וואס ער האט געהאט אין הקב"ה, אז ער האט קיינמאל נישט מהרהר געווען אויף זיינע דרכים, אויך ווען אויבנאויף האבן די זאכן אויסגעזען א סתירה.

די גרעסטע סתירה איז ביי די פרשה פון די עקידה. דער רבוש"ע האט דאך מבטיח געווען פאר אברהם אבינו 'כי ביצחק יקרא לך זרע' און יצחק איז טאקע אונטערגעוואקסן און מען האט זיך שוין געהאלטן ביים גרייטן צו זיין חתומה אבער ביים ענדע זאגט

>>> | המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

# וְאַבְרָהָם זָקֵן

א רייזנדער איז אנגעקומען אין אנהייב פונעם ווינטער צום 'קוטב הצפוני' (נאָרט פאָל), וואס ווי באקאנט הערשט דארט דורכאויס דעם גאנצן ווינטער גאר א שטארקע קעלט, און גאר מעכטיגע שנייען לאזן זיך דארט אראפ אָן אויפהער פאר לאנגע חדשים. אנקומענדיג דארט, האט ער געזען אז די ארטיגע מענטשן זענען באשעפטיגט מיטן בויען הייזער פון אייז. אויף זיין פראגע פארוואס זיי ארבעטן אזוי שווער מיטן בויען אט די הייזער, האבן זיי אים געענטפערט אז יעצט איז נישטא קיין צייט זיך אפצורוען, וויבאלד אין די נאנטע חדשים וועט הערשן אינעם געגנט א שרעקליכע קעלט, פון וועלכע עס איז נישטא קיין שום מעגליכקייט זיך צו באשיצן דערפון, אויסער אין די הייזער וואס זענען געמאכט פון אייז, און דערביי האבן זיי אים אויך צוגעאיילט אז ער זאל זיך אויך בויען אזא הויז, ווייל טראץ די שווערקייט פון זיך באשעפטיגן מיטן אייז, פונדעסטוועגן וועט דווקא אט די אייז אים באשיצן פונעם שטארקן קעלט.

מיר זענען אנגעקומען דא אויף דער וועלט, וואו מיר זענען געצוואונגען דורכאויס אונזער גאנצער לעבן, מיט שוועריגקייטן און נסיונות אן אויפהער, און ביי יעדן נסיון וואס קומט אן, זאלן מיר געדענקען אז יעצט איז נישט קיין צייט פאר מנוחה, נאר יעצט איז דער צייט זיך צו אנשטרענגען, יעצט איז דער צייט דורכצושוויצן די נסיונות, ווייל דער ציל פארוואס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט איז כדי מיר זאלן דינען דעם אויבערשטן מיט אונזער גאנצער כח.

און טראצדעם וואס אסאך מאל קומט עס אונז אן זייער שווער, זאלן מיר געדענקען אז דווקא די שווערקייט, איז דאס וואס וועט באשיצן אויף אונז און עס וועט אונז געבן די כוחות צו שטיין פעסט קעגן א שרעקליך פארגליווערנדע קעלט, קעגן די שוועריגקייטן וואס קענען אויפקומען אויפן וועג, און אין דער זעלבער צייט ווען מיר וויסן, אז דער סוף וועט זיין אז מיר וועלן זוכה זיין צו שפירן די געוואלדיגע געהויבנקייט צו וועלכע מירווארטן און האפן אזוי שטארק.

דריי יאר אלט איז אברהם אבינו געווען ווען ער האט אנערקענט אינעם אויבערשטן, און זיין גאנצן לעבן איז געווען באגלייט מיט נסיונות, און פונדעסטוועגן איז ער נישט געווארן צובראכן און האט נישט אויפגעגעבן, און אויף דער עלטער האט ער זוכה געווען אנצוקומען אל המנוחה ואל הנחלה, און צו א דערהויבנקייט אין עבודת הבורא, אזוי ווי די תורה הקדושה איז מעיד אויף אים 'וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים', און ווי די פרשים ערקלערן שוין אז דאס איז מרמז אויף די שלימות צו וועלכע אברהם אבינו האט זוכה געווען, און דאס אלעס איז געקומען צו אים אויף דער עלטער, נאך א לאנגע לעבן אנגעפילט מיט נסיונות. לאמיר אונז אויך געדענקען, אז אויך אויב עס גייען דורך אויף אונז טעג און תקופות אנגעפילט מיט נסיונות און שוועריגקייטן, לאמיר נישט צובראכן ווערן, ווייל צום סוף צאלט זיך עס אפ פילפאכיג, און דערויף האט דער רבי ר' זושא זיע"א האט געזאגט, אז ער האפט נישט פאר שכר אויף דאס וואס ער האט געדינט דעם אויבערשטן ווען ער איז שוין געווען "רבי זושא", וויבאלד יעצט האט ער שוין דעם תענוג אין עבודת ד', נאר ער האפט פאר שכר אויף דער צייט וואס ער האט געדינט דעם אויבערשטן איידער ער איז געווארן "רבי זושא".

(עפ"י טיב התורה – חיי שרה)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

הקב"ה פאר אברהם 'העלהו לעולה'.

קיין איינער האט נישט קיין הוא אמינא אז אברהם אבינו וואלט נישט געפאלגט דעם רבוש"ע אבער כאטש וואלט ער געדארפט פרעגן די קשיא ווי אזוי גייען ביידע צוזאמען און ווי אזוי קען זיין אז נאך דעם וואס ער האט אים געגעבן א בפירוש'ע הבטחה אז זיינע דורות וועלן זיך ציען פון אים האט אברהם אבינו נישט געפרעגט קיין שאלות, נאר געטון צו די זאך און זיך געגרייט ארויסצוגיין צו די עקידה, ווי עס וואלט ווען בכלל נישט געווען קיין סתירה צו די פריערדיגע מימרא וואס הקב"ה האט אים געזאגט.

די זעלבע נקודה זעט מען אויך ביים ענדע פון די פרשה. דער פסוק זאגט [כב.כ] ויהי אחרי הדברים האלה ויגד לאברהם לאמר הנה ילדה מלכה. רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס אז מען האט מבשר געווען פאר אברהם אבינו אז רבקה איז געבוירן געווארן און אז עס איז שוין דא א שידוך פאר יצחק אבינו.

פון דער פשוט'ער פשט אין רש"י זעט אויס אז אברהם אבינו האט שוין געוואוסט אז יצחק האט א כלה, אבער אז מען קוקט ווייטער אין פסוק און מען זעט ווי אזוי אברהם אבינו רעדט מיט זיין קנעכט אליעזר און געט אים אנווייזונגען ווי אזוי צו זוכן א שידוך פאר זיין זון בלייבט מען שטיין פארוואונדעט.

ער האט דאך געהאט א קלארע אדרעס אז ער זאל גיין צו די שטוב פון בתואל און נעמען פון דארט א שידוך פאר יצחק אבינו איז פארוואס האט ער נישט גלייך אהין געשיקט אליעזר צו איר.

נאר דא האט אברהם אבינו אונז אויסגעלערנט נאך א פרק אין זיין אמונה. עס קען זיין אז אים האט אויסגעזען אז רבקה איז די באשערטע שידוך פאר יצחק אבער עס קען זיין אז ער איז נישט ראוי צו איר, אדער אז ער האט נישט ריכטיג פארשטאנען דער באדייט פון די זאך און עס האט זיך אים נאר געדאכט אבער באמת איז דאס נישט זיין באשערטע און וועגן דעם האט ער ארויסגעשיקט אליעזר מיט סימנים גלייבנדיג אז אויב עס קומט זיך אים יא די שידוך וועט ער עס אנטדעקן לויט די סימנים וואס ער האט אים געגעבן.

די נקודה איז א שטארקע מוסר השכל פאר אונז. עס מאכט זיך צומאל אז א איד געפינט זיך אין א צרה, אין א קלעמעניש און ער זעט ערגעץ וועגן א סגולה, אדער ער איז מתפלל און ביי זיך איז ער זיכער אז ער האט געטון די נוטיגע פעולה וואס ער האט צו טון אבער למעשה קומט נישט די ישועה צוגיין.

דער איד קען ווערן געפאלן ביי זיך אז ער האט דאך בעצם געטון וואס ער האט צו טון און פארוואס קומט נישט די ישועה אבער מיר דארפן וויסן אז מען פרעגט נישט קיין קשיות אויף די דרכים פון הקב"ה און אדרבה אז מען זעט אז די ישועה איז נישט אנגעקומען איז עס א סימן אז דאס איז געווען דער רצון ה' און ער זאל זיך פירן אזוי ווי אברהם אבינו האט זיך געפירט אז אויסער וואס ער האט געהאט אמונה אין הקב"ה אז אלעס וואס גייט פאר אויף די וועלט איז לטובה האט ער אויך תולה געווען די חסרון אין זיך אליין אז די סיבה פארוואס די טובה האלט זיך אפ און עס קומט נישט אן צו אים – האט צו טון מיט אים אליין און אז עס איז זיין שולד און אז ער דארף זיך פארבעסערן און תשובה טון אויף זיינע מעשים.

דאס איז דער בליק פון אן ערליכער איד אויך ווען די ישועה פארזוימט זיך און עס קומט נישט אזוי ווי ער האט געהאפט אז עס וועט אנקומען אפילו נאך דעם וואס ער האט מתפלל געווען און געטון מעשים אז די ישועה זאל קומען צוגיין.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו גיין אין זייערע וועגן און זוכה זיין צו ברכות וישועות און אלעס גוטס.

טיב
ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א הכנה צו רחל אמנו'ס יארצייט

פאר עטליכע יאר אין א ציה בין איך שוין א מגיה אויף ספרי תורה. וואך נאך וואך וועל איך זיצן און מגיה זיין ספרי תורה און זען צי עס איז נישט דא קיין טעותים אין זיי.

די סדר גייט אז די ספרים קומען אן אין עקסטערע יריעות און איך קוק איבער יעדע יריעה באזונדער.

מיט די יארן האב איך זיך אויסגעלערנט אויסצורעכענען ווי לאנג עס געדויערט איבערצוקוקן א יריעה.

יענער טאג י"א חשון - די טאג ווען עס פאלט אויס די יארצייט פון רחל אמנו האב - איך זיך געגרייט איבערצוקוקן די יריעות פון ספרים. אויסרעכענדיג וויפיל צייט ס'גייט נעמען ביז ווען איך גיי ענדיגן די יריעות האב איך זיך באשטימט עטליכע יריעות און אוועקגעלייגט די איבריגע אין א זייט.

די יריעות קומען נישט אייביג אין א סדר. עס קען זיין א יריעה פון במדבר און שפעטער פון בראשית.

צו מיין וואונדער איז אנגעקומען צו מיין האנט די יריעה וואס רעדט פון די פטירה פון רחל אמנו אין טאג פון איר יארצייט. איך האב זיך ארונטערגעהויבן פון מיין בענקל גייענדיג צום קבר רחל ביי די ווערטער 'ותמת שרה בקרית ארבע'.

עס איז געווען פאר מיר א מורא'דיגע איבערלעבעניש שפירנדיג אז מיין שייכות מיט דעם טאג איז אויסטערלישער און גרעסער ווי געווענליך.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ר' יעקב נחום לאנג]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

לאמיר זיך מתבונן זיין, פארוואס הייבט זיך אן אונזער פרשה מיט דער ענין פון די פטירה פון שרה און איר קבורה, אינדערצייט וואס דער עיקר פון די פרשה רעדט זיך וועגן דער שידוך פון יצחק און רבקה, און די פטירה פון שרה איז לכאורה מער שייך צום סוף פון די פריערדיגע פרשה, אזוי ווי מיר וויסן אז זי איז נפטר געווארן דורך די עקידה, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין **רש"י** אין אנהייב פון אונזער פרשה (כג, ב). אויב אזוי וואלט לכאורה געוועהן פאסיג אז דארט זאל זיך עס ענדיגן מיט די פטירה פון שרה, און די נייע פרשה זאל זיך אנהייבן מיט א **דבר טוב** פון די שמחה פון דער שידוך פון יצחק. דעריבער קען מען זאגן, אז אין יעדער פאל פון אזא סארט דרש'נט מען אוודאי **סמוכין** און אוודאי איז דא א סיבה און א קשר צווישן די פרשיות פון די פטירה פון שרה און דער שידוך פון יצחק, און מיר דארפן דאס טאקע פארשטיין.

נאר, דאס איז דאך לכאורה פשוט, וויבאלד אסאך מענטשן האבן פילע ספיקות אין די ענינים פון שידוכים, ערקלערנדיג אז עס איז זיי שווער צו באשליסן צו לעבן מיט דעם דאזיגן זיווג אויף שטענדיג... און אויב וואלט עס געווען א צייטווייליגער זאך און וואס גייט פארביי, וואלט פאר זיי אסאך גרינגער געווען צו מחליט זיין, אבער ווען עס רעדט זיך פון **אייביג**! זענען זיי נישט אימשטאנד צו נעמען אויף זיך אזא גורלדיגע החלטה, און צוליב אט דעם שווערן באשלוס טרעפן זיי זיך אפטמאל ווארטנדיג פאר לאנגע יארן, און זיך צוריקהאלטנדיג פון מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה, וואס מיר זענען באפוילן געווארן פונעם אויבערשטן.

דעריבער הייבט זיך אן די פרשה פון שידוכים מיטן ענין פון שטארבן און קבורה, אונז צו לערנען איבערן **צייטווייליגקייט** פון אונזער לעבן דא אויף דער וועלט, ווי מיר בלייבן נישט דא אויף אייביג... נאר אונזער לעבן איז **כצל עובר וכחלום יעוף**... און אזוי קומט אויס אז די גאנצע פראגע פונעם שידוך איז נאר אויף צייטווייליג... אויף ארום זיבעציג־אכציג יאר...

קומט אויס אז די החלטה צו טון דעם שידוך ווערט שוין גרינגער...

**הרה"ק מבלאזשוב זצוק"ל** פלעגט אפטמאל זאגן, אז דער עיקר פון די חתונה איז דאך אלס הכנה צום יום המיתה. און דעריבער פירט מען זיך אנצוטון דעם **קיטל** אלס זכר צו די תכריכים, און צו לייגן **אש** אויפן קאפ, און נאך ענדליכע זאכן. וויבאלד דורכן חתונה האבן טוט מען צוגיין אויפצושטעלן די קומענדיגע דורות נאך אונז. און עס איז באוואוסט זיין הייליגער פירונג, וואס ער פלעגט רעדן צום חתן ביים קבלת פנים איידער די חופה, און פלעגט איבערגעבן פארן חתן א הערליכער און זיסער משל, וואס ברענגט אזוי פאסיג ארויס דעם תכלית פון חתונה האבן.

דערמיט האט ער דערציילט א הערליכער מעשיות, דורך וועלכער מען קען זייער גוט ערקלערן דאס וואס דער חתן דארף יעצט וויסן. מיט זיין גוואלדיגע חכמה האט ער הערליך

## וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי

**די פרשה פון חיי שרה איז דאך די פרשה פון די שידוכים**

אריינגעפלאכטן וואונדערליכע ברילאנטן אינעם דאזיגן משל, און ווער עס וועט זיך פארטיפן אין יעדן איינצלהייט אינעם משל און פרובירן צו פארשטיין דערפון דעם רמז פונעם נמשל וואס איז צוגעפאסט דערצו, וועט געפינען דערין וועגן פון לעבן און לויטערע און ליכטיגע וועגן אין וועלכע ער וועט קענען שפאנען אויפשטעלנדיג א לעכטיג אידיש היים אין כלל ישראל, און באשיינען אונזער פאלק מיט ליבשאפט צום אויבערשטן!

און אזוי פלעגט ער דערציילן:

עס איז אמאל געווען זייער א גרויסער און חשוב'ער קעניג, וועלכער האט געהאט גרויס הצלחה אין זיין קעניגרייך, און מיט זיין וואונדערליכער קלוגשאפט איז אים געלונגען צו פירן זיין פאלק מיט אנגענעמקייט און מיט חן, אויפן בעסטן פארנעם.

דארט אין זיין לאנד איז געווען א מענטש, וואס פון זיין געוואלדיגע ליבשאפט און שעצונג וואס ער האט געהאט צו דעם קעניג, האט ער אים אלעמאל זייער שטארק געוואלט זען, און געניסן פון זיין הערליכן געשטאלט וואס איז געווען באוואוסט לשם ולתהלה אינעם גאנצן לאנד. אבער ווי דער שטייגער פון די קעניגן, איז אויך אונזער קעניג ווייניג געגאנגען איבער די גאסן, און כמעט וואס ער האט זיך נישט באוויזן צווישן מענטשן, אזוי אז א געוועגליכער מענטש האט כמעט נישט געהאט קיין מעגליכקייט אים צו זען אן קיין ספעציעלע סיבה.

די געוואלדיגע ליבשאפט צום קעניג האט אזוי געברענט אינעם הארץ פונעם דאזיגן מענטש, און ער האט אזוי געלעכצט צו קענען ענטפאנגען דעם קעניג, און אים צוברענגען פארגעניגן! ביז איין טאג האט ער זיך געטראפן אן עצה. ער איז געגאנגען צו די טויערן פונעם קעניגליכן פאלאץ, און ער האט געבעטן פון די באדינער פונעם קעניג אז זיי זאלן אים ערלויבן צו טון עפעס א באדינונג פארן קעניג. נאכדעם וואס ער האט זיך עטליכע מאל געבעטן ביי זיי, האבן זיי אים ערקלערט אז עס איז יעצט דא אן ארבעט וואס ער קען נעמען, און דאס איז אנצוהייצן די אויוונס אינעם קעניגליכן פאלאץ.

הערנדיג זייערע רייד, האט זיך דער מענטש זייער שטארק געפרייט, און נאך אינעם זעלבן טאג איז ער צוגעגאנגען צו זיין נייע ארבעט מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, באגלייט מיט א שטארקן ציטערניש, האפנדיג אז דער קעניג וועט זיין צופרידן פון זיין ארבעט. און וויבאלד זיין ציל איז נישט געווען אזוי ווי די אנדערע מענטשן פונעם קעניגליכן הויף, וועלכע האבן בעיקר געארבעט כדי צו באקומען א גוטן פארדינסט, נאר ער האט עס געטון לויטער וועגן די שטארקע ליבשאפט וואס האט געברענט אין אים צום קעניג, דעריבער האט ער אריינגעלייגט זיין גאנצע הארץ און זעל אין די ארבעט, און האט זיך ספעציעל אנגעשטרענגט אז עס זאל זיין א געשמאקע ווארימקייט אינעם פאלאץ, כדי דער קעניג מיט זיין הויזגעזינד זאלן זיך פילן זייער אנגענעם!

ער האט אלעמאל געטראכט און אויסגעארבעט וועגן וויאזוי די אויוונס זאלן האבן די פאסיגע היץ, און וויאזוי עס זאל זיין די ריכטיגע מאס היץ אז עס זאל זיין געשמאק צו זיין אין פאלאץ, און עס זאל זיין נישט צו הייס און נישט צו קאלט... און אין יענע צייטן, נאך איידער עס איז ערפינדן געווארן די עלעקטרישע הייצונג אזוי ווי אין אונזערע צייטן, איז דאס געווען א נישט לייכטע ארבעט. אויב איז געווען זייער א קאלטער טאג, פלעגט מען שניידן זייער דיקע העלצער, און ווען עס איז געווארן אביסל ווייניגער קאלט, האט מען גענוצט דינערע העלצער, און צומאל אפילו גאר דינע העלצעלעך.

אזוי איז ער געווען פארנומען די גאנצע צייט, זעענדיג אז די העלצער זאלן זיין פונקט אזוי צוגעשטעלט, אז די היץ זאל זיין פונקט פאסיג פארן וועטער, און אויב די וועטער האט זיך פלוצלונג געטוישט, האט ער גלייך צוגעשטעלט די אויוונס, אזוי אז עס זאל אלעמאל זיין די בעסטע אטמאספער אינעם קעניגליכן פאלאץ.

א שטיק צייט איז דורכגעגאנגען, און דער קעניג האט אנגעהויבן צו פילן דעם וואונדערליכן טויש וואס איז פארגעקומען אינעם פאלאץ, און ער האט גלייך געבעטן אז מען זאל אים לאזן וויסן ווער עס איז דער נייער אופזעער אויף די אויוונס. האבן אים זיינע ראטגעבער געמאלדן איבערן נייעם משרת וועלכער האט אנגעקלאפט אינעם קעניגליכן פאלאץ, און האט זיך ממש געבעטן אז ער וויל עפעס טון פארן קעניג! און זיי האבן אויסגעפירט אז ער טוט טאקע א וואונדערליכער ארבעט, און ווי א געטרייער קנעכט פארן האר טוט ער זיין ארבעט בלב ונפש, און מיט א געוואלדיגע שמחה!

ווען דער קעניג האט דאס געהערט, האט ער געבעטן אז מען זאל ברענגען דעם מענטש פאר אים, און ער האט געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו, אז איך האב גרויס פארגעניגן פון דיין וואונדערליכע ארבעט, און יעצט בעט איך דיר אז דו זאלסט מיר זאגן וואס עס איז דיין פארלאנג, און עס וועט ערפילט ווערן, ווייל איך

המשך אין עמוד ד'

בין דאך דער קעניג, און איך וויל דיר באצאלן א גאר גוטן באלוינונג, און גארנישט איז צי שווער.

האט דער מענטש געענטפערט: אדוני המלך! איך בעט גארנישט פונעם קעניג, ווייל דאס אליין אז איך האב באקומען דעם וואונדערליכן זכות צו באדינען פארן קעניג דא אינעם קעניגליכן פאלאץ, און צו פארשאפן נחת רוח פארן גרויסן קעניג, דאס איז פאר מיר דער בעסטער באלוינונג! – אבער אויב דער קעניג פרעגט שוין, וועל איך זאגן וואס מיין פארלאנג איז – עס איז דא איין זאך וואס דאס איז דער פרייד פון מיין לעבן! איך וויל זען די ליכטיגע געזיכט פונעם קעניג אין יעדן צייט וואס איך וועל נאר ווען! אבער וויבאלד איך ווייס אז דאס איז אן אוממעגליכע זאך, וויל איך בעטן אז מען זאל מאכן פאר מיינעטוועגן א קליין שפאלט אינעם קעניגליכן זאַל, פון וואו איך וועל קענען שטענדיג זען דעם ליכטיגן געשטאלט פונעם קעניג!

דער קעניג האט אים באוויליגט, און באפוילן אז מען זאל עפענען פאר זיינעטוועגן א שפאלט.

אזוי האט דער מענטש פארגעזעצט מיט זיין ארבעט פאר צענדליגער יארן מיט גרויס געטריישאפט, היצנדיג די אויוונס אינעם קעניגליכן פאלאץ אויפן בעסטן אופן, און אין יעדער צייט וואס ער האט געוואלט האט ער געקוקט און געהאט גרויס פארגעניגן פונעם זען דעם קעניג'ס ליכטיגע געשטאלט.

ווען דער מענטש איז אלט געווארן, האט ער אנגעהויבן צו זארגן, טראכטנדיג וואס וועט זיין נאכדעם וואס ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט, ווער וועט דען נעמען אויף זיך דעם אויפגאבע צו באדינען דעם קעניג אזוי ווי עס דארף צו זיין. האט ער זיך דעריבער געדרייט איבער די גאסן און איבער די מאַרקן, און פראבירט כאפן א שמועס מיט די מענטשן פון די לאנד איבערן גרויסקייט און געהויבנקייט פונעם קעניג, כדי צו ערוועקן אין זיי די ליבשאפט צום קעניג און צו טרעפן צווישן זיי איינער וועלכער וועט דינען די ארבעט באמנות.

ווי ענטוישט איז ער אבער געווארן, זעענדיג אז ער איז איינער אליין אין דער זאך, אינדערצייט וואס אלע אנדערע מענטשן פונעם לאנד זענען נישט אינטערעסירט אינעם קעניג און אויך נישט אין זיין קעניגרייך, און פאר זיי אינטערעסירט נאר זיי אליין און זייערע משפחות, אזוי אז עס איז נישט געבליבן קיין צייט פאר די טובה פונעם קעניג...

זעענדיג דאס, איז ער געווארן אנגעפילט מיט גרויס צער, טראכטנדיג מיט וואספארא פנים וועט ער קענען פארלאזן די וועלט, וויסנדיג אז ער לאזט נישט איבער נאך זיך איינער וועלכער זאל ערפילן זיין ארט מיטן זעלבן סארט געטריישאפט. – ביז עס איז אויפגעקומען אין זיין הארץ די מחשבה, אז ער האט נישט קיין אנדער ברירה, נאר אז ער אליין זאל חתונה האבן און געבוירן קינדער, און ער וועט זיי מחנך זיין שוין פון יונגווייז אן, מיט א געוואלדיגע ליבשאפט צום קעניג. און אזוי וועט ער קלאר וויסן, אז ער לאזט איבער נאך זיך גוטע און ערליכע דורות וועלכע וועלן געטריי דינען דעם קעניג, מיט א געוואלדיגע ליבשאפט אן קיין גרעניץ!

אצינד, האט דער הייליגער רבי אויסגעפירט זיין וואונדערליכן משל, הער צו טייערער חתן: דאס איז דער גאנצער תכלית פון חתונה האבן, וויבאלד דאס איז א הכנה צום יום המיתה, און צו די קומענדיגע דורות... אט דער געטרייער קנעכט, דאס איז דאך אזוי ווי די צדיקים די עבדי ה', וואס זייער גאנצער ציל איז נאר זיך צו מדבק זיין אינעם קודשא בריך הוא, אזוי ווי דער קנעכט וועלכער האט נאר געוואלט קענען זען דעם געזיכט פונעם קענג אין יעדער צייט!

און כאטש עס שטייט דאך אין פסוק "כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי" (שמות לג, כ), און עס שטייט אין יחזקאל (א, יד) "וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב", בעטן מיר אז דער אויבערשטער זאל אונז וויניגסטנס לאזן א קליין שפאלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים"... (שיר השירים ב, ט) – און וויבאלד דער צדיק וויל דאך אז די עבודת הקודש זאל ווייטער אנגיין, און מען זאל ווייטער באדינען דעם ליכטיגן באשעפער, שטעלט ער אויף זיין **בַּיִת נֶאֱמָן** אז עס זאל ווייטער זיין דורות ישרים מבורכים נאך אים, וועמען ער וועט מחנך זיין און מגדל זיין צום ליבשאפט פונעם קעניג און אים דינען מיטן גאנצן הארץ, אז אויך זיי זאלן דינען דעם אויבערשטן מיטן פולסטן מאס איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט!

און אט דעם משל, זאל מען גוט און גרונטליך דורכטון, וויבאלד עס איז זייער טיף, און פאסיג צום נמשל!





מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך ללא עלות דמי משלוח


יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173